## שיחות ודברות קודש לפרשת וישב משנת תשע"ג לפ"ק

### בסעודת ברית של הילד חיים מיכאל יוסף ני"ו בן חדב"ן הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א

יום ג' פרשת וישב תשע"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה הק' די אהבה וואס יעקב האט געהאט צו יוסף, וישראל אהב את יוסף מכל בניו, יעקב האט ליב געהאט יוסף מער פון אלע קינדער. ויראו אחיו כי אותו אהב אביהם מכל אחיו, ווען די ברודערס האבן געזעהן אז אים האט ער די מערסטע ליב, וישנאו אותו, האבען זיי פיינט געהאט יוסף, ולא יכלו דברו לשלום (בראשית לז-ג), און זיי האבען נישט געקענט רעדן מיט אים לשלום. נאכדעם פארציילט די תורה אז יוסף האט געחלומ'ט זיין חלום, והנה אנחנו מאלמים אלמים בתוך השדה, והנה קמה אלמתי וגם נצבה, והנה תסבינה אלמתיכם ותשתחוין לאלמתי, אלע האבן זיך געבויגען צו יוסף'ס בינטעל. און די ברודערס האבן אים פארגעהאלטן, המלוך תמלוך עלינו אם משול תמשל בנו, ויוסיפו עוד שנוא אותו על חלומותיו ועל דבריו, זיי האבן מוסיף געווען שנאה אויף זיינע חלומות. ויחלום עוד חלום אחר, נאכדעם האט ער געהאט א צווייטע חלום, והנה השמש והירח ואחד עשר כוכבים משתחוים לי, און ער האט עס פארציילט פארן פאטער, און דער פאטער האט געזאגט הבוא נבוא אני ואמך ואחיך להשתחות לך ארצה. ויקנאו בו אחיו, און די ברודערס האבן אים מקנא געווען. - ביי די ערשטע חלום שטייט, אז די ברודערס האבן אים פיינט געהאט, ויוסיפו עוד שנוא אותו, זיי האבן מוסיף געווען אין זייער שנאה. ביי די צווייטע חלום שטייט אין פסוק, ויקנאו בו אחיו, די ברודערס האבן אים מקנא געווען. פארוואס איז די ערשטע מאל נאר געווען שנאה, און שפעטער איז צוגעקומען קנאה.

**אין** פשטות קען זיין, אז דער פסוק זאגט שפעטער ביי די חלום פון פרעה, אז עס איז געווען צווי חלומות. די ערשטע איז געווען מיט די פרות, און נאכדעם איז געווען מיט די שבלים. און יוסף האט אים פותר חלום געווען, אז דער חלום ווייזט אויף די שנות הרעב און די שנות השבע וואס גייען קומען אויף מצרים. ועל השנות החלום אל פרעה פעמים, וואס איז די דאפעלטע חלום, כי נכון הדבר מעם האלקים, וממהר האלקים לעשותו (בראשית מא-לב). מען האט עס געוויזען דאפעלט, ווייל דער אייבערשטער טוט זיך צואיילען עס צו ברענגען. קומט אויס, אז א דאפעלטע חלום, דאס ווייזט אז דער אייבערשטער איז ממהר לעשותו.

**דעם** ערשטען חלום וואס ער האט פארציילט, אז אלע שבטים וועלן זיך בוקען פאר יוסף, איז נאכנישט קיין הכרח אז דאס גייט ארויף אויף זיי, אז זיי וועלן זיך דארפן בוקען פאר יוסף. עס קען זיין, אז במשך הימים וועלן זייערע אייניקלעך מיט יוסף'ס אייניקלעך זיך בייגען איינער פארן צווייטען. ביי די שבטים איז דאך אלעס געווען מעשי אבות סימן לבנים. אבער נאכדעם וואס ער האט פארציילט אז ער האט נאכאמאל געחלומ'ט אז מען בוקט זיך פאר אים, איז דאך דאס שוין א איבערגעחזר'טער חלום, און השנות החלום איז דער טייטש, שממהר האלקים לעשותו. מען רעדט נישט יעצט פון די אייניקלעך, מען רעדט שוין פון זיי אליין, אז זיי אליין וועלן זיך דארפן בייגען פאר יוסף. דא איז שוין צוגעקומען קנאה אויך. אויסער די שנאה וואס איז געווען פון פארדעם, איז ויקנאו בו אחיו, האבן די ברודערס אים מקנא געווען, אז זיי וועלן דארפן זיין די וואס ביי זיי וועט מקויים ווערן דער חלום, אז זיי וועלן זיך דארפן בייגען פאר יוסף.

*

**נאכדעם** איז געווען א חילוק צווישן דעם ערשטען חלום און דעם צווייטען חלום, אין דעם ערשטען חלום האט ער נאר געזען, והנה אנחנו מאלמים אלמים בתוך השדה, די ברודערס אליין זענען געווען דארט, צוועלף מענטשן וואס האבן געבינדען די בינטלעך, און אלע עלף

ברודערס האבען זיך געבויגען צו יוסף, זיי דארפן נכנע זיין אונטער יוסף. דאס איז טייטש, אז יוסף וועט צוקומען צו א מדריגה, אז ער וועט זיין העכער פון זיי, און זיי וועלן זיך דארפן משתחוה זיין פאר יוסף. נו, מען רעדט דאך נישט אז זיי האבען געהאט קנאה פון זייטיגע גשמיות'דיגע כבוד, עס איז געווען עפעס טיפער'ס דאס וואס מען דארף זיך בייגען פאר יוסף. אז יוסף וועט אויסוואקסען אין א העכערע מדריגה פון וואס זיי זענען אויסגעוואקסען. און צו דעם דארף מען נאכנישט זיין א גרויסער בעל מדריגה. די שבטי י-ה האבן זיך געהאלטן, ווי ערליכע יודען, אז זיי זענען נידריג, פחותים שבפחותים. און אויסצוואקסען גרעסער פון זיי, איז נאכנישט אזא גרויסע מדריגה.

**אבער** אין דעם שפעטערדיגען חלום איז דאך צוגעקומען, אז אויסער די אחד עשר כוכבים איז געווען דער שמש וירח וואס האבן זיך אויך געבוקט פאר אים. דער שמש וירח איז דאך געווען אני ואמך, אז יעקב מיט רחל, צו לאה, צו בלהה, ווי אזוי מען זאל עס אויסטייטשן, וועלן זיך אויך בייגען פאר אים. איז דאך דער טייטש, אז יוסף וועט צוקומען צו אזא מדריגה, אז נישט נאר ער וועט זיין מער פון די ברודערס, נאר ער וועט אויך זיין אין א העכערע מדריגה פון יעקב, אז יעקב וועט זיך דארפן בייגען פאר אים. דאס איז געווען ויקנאו בו אחיו, דא איז שוין צוגעקומען קנאה. זיי האבען מקנא געווען וואס פאר א גרויסע מדריגה יוסף וועט צוקומען, אז אני ואמך ואחיך, אז יעקב מיט די אמהות מיט די ברודערס, וועלן אלע זיך דארפן בייגען פאר אים. דא איז צוגעקומען א קנאה ביי זיי, וואס עס איז נישט געווען פריער.

*

**מען** קען עס מער מסביר זיין. דער הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** למגילת אסתר ד"ה המולך, **ובדרשות חתם סופר** שצח:) זאגט, די גמרא (מגילה יא.) זאגט, שלשה מלכו בכיפה, עס זענען געווען דריי מלכים וואס האבען מושל געווען אויף די גאנצע וועלט, אחאב, נבוכדנצר, און אחשורוש. די דריי זענען געווען מלכים וואס האבען שולט געווען איבער די גאנצע וועלט. פרעגט די גמרא, והאיכא שלמה, שלמה המלך האט אויך שולט געווען אויף די גאנצע וועלט. פארוואס איז שלמה המלך נישט אויסגערעכנט צווישן די מלכים. זאגט די גמרא, אז שלמה המלך האט געהאט א אנדערע מעלה אויך, וואס וועגן דעם שטעלט ער אים נישט צוזאם מיט יענע דריי. ווייל זיי האבען נאר מולך געווען בתחתונים, און שלמה האט מולך געווען בעליונים ובתחתונים. זיי האבען נאר מולך געווען אויף די וועלט, אבער בעליונים האבען זיי נישט געהאט קיין שליטה. זיי זענען געווען גוים מיט רשעים, און זיי האבען נישט מולך געווען בעליונים נאר בתחתונים. שלמה המלך איז געווען א מושל סיי בתחתונים און סיי בעליונים. איז קען מען אים נישט צוזאמרעכענען, ווייל זיין מדרגה איז געווען א העכערע מדריגה פון די דריי וואס זענען מלכו בכיפה.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, וואס מיינט אז שלמה המלך איז געווען א מלך בעליונים ובתחתונים. זאגט ער, עס איז דא איינער וואס איז א מלך איבער אנדערע, ווייל איינער מוז פירן די מלוכה, און מען האט אים געוועלט, אבער ער האט נישט אין זיך קיין שום מעלה מער פון אלע אנדערע מענטשן וואס זענען אונטער זיין מלוכה. נאר ער איז אויסגעקליבען געווארן, צו זיין דער איינער וואס זאל זיין דער מלך. בשעת מען איז נכנע אונטער דעם מלך, איז נאר דער גוף נכנע אונטער אים, אבער אין שכל, אין מוח, טראכט ער נישט אז ער דארף זיין נכנע אונטער אים. יענער איז אסאך נידריגער פון אים, ער איז א נידריגער גוי. איך האב נאר נישט א ברירה, איך דארף זיין נכנע אונטער דעם מלך. ער געוועלטיגט נאר אויפן גוף, ער געוועלטיגט נישט אויפן שכל פונעם מענטש.

**אמאל** איז אבער דא איינער וואס וואקסט אויס א מלך וואס יעדער טוט אנערקענען זיין גרויסקייט, אז ער שטייט טאקע מער ברום המעלה פון אנדערע. דער איז א מלך נישט נאר אויפן גוף פונעם מענטש, נאר אין שכל איז ער

אויך א מלך. ווייל מען פארשטייט מיטן שכל, אז ער איז מער פון מיר. און דער שכל זאגט, אז מען דארף זיין נכנע אונטער יענעם.

**די** דריי מלכים אחאב, נבוכדנצר, און אחשורוש, זענען געווען מלכו בכיפה. זיי זענען געווען גוטע בעלי מלחמה, און מען האט זיי אנגעשריבען אויבן אין הימל, אז זיי זאלן מצליח זיין, האבן זיי מצליח געווען. אבער קיינער האט נישט ארויפגעקוקט אויף אחשורוש, אויף זיין מעלה, ער איז געווען א מלך טיפש. נבוכדנצר איז געווען א געמיינער מענטש, ווי די גמרא (נדרים סה.) פארציילט, און ער איז געווען א רשע. זיי האבען נאר מולך געווען בתחתונים, אויפן גוף פונעם מענטש האבן זיי מולך געווען, ווייל זיי זענען געווען די מלכים אויף די גאנצע וועלט. אבער אינעם שכל פונעם מענטש, אין די עליונים, האבען זיי נישט מושל געווען. שלמה המלך איז ויחכם מכל האדם (מלכים א ה-יא), שלמה המלך איז געווען אזוי גרויס אין זיין מדריגה, אז ער איז געווען א מלך בעליונים ובתחתונים, נישט נאר אויפן גוף איז ער געווען א מלך, נאר בעליונים, אויפן שכל פונעם מענטש, איז ער אויך געווען א מלך. און דאס איז א געוואלדיגע מדריגה, וואס וועגן דעם רעכנט מען נישט צוזאם שלמה המלך מיט די אנדערע שלשה וואס זענען מלכו בכיפה.

**דעם** ערשטען חלום וואס יוסף האט געחלומ'ט, והנה אנחנו מאלמים אלומים בתוך השדה, והנה קמה אלומתי וגו' ותשתחוין לאלומתי, יעדער בייגט זיך צו אים. נו, ער וועט זיין א מלך, און מען וועט זיך מוזן בייגען צו אים, אבער דאס מיינט נאכנישט, אז יוסף איז עפעס א בעל מדרגה, און עס איז דא עפעס מקנא צו זיין יוסף. זיי האבען אבער געזעהן אז נישט נאר די מאלמי אלומים בייגען זיך צו אים, נאר אפילו די עליונים, די שמש מיט די ירח מיט די אחד עשר כוכבים, דאס איז אויך משתחוים לי, דאס מיינט צו זאגען אז יוסף איז בעצם צוגעקומען צו א געוואלדיגע הויכע מדריגה, דא איז שוין ויקנאו בו אחיו, דא איז שוין אריינגעקומען קנאה, ווי אזוי יוסף איז צוגעקומען צו אזא מדריגה, אז אפילו עליונים וועלן זיך דארפן בייגען פאר יוסף. איז ביים ערשטען חלום נאר געווען שנאה, מען האט אים פיינט געהאט, אז ער וועט זיין דער מושל אויף אלעם, און מען וועט זיך דארפן בוקען, און זיין נכנע אונטער אים. אבער עס איז נישט געווען קיין קנאה, וואס מען זאל אים מקנא זיין. זיי האבען געהאלטן, אז אין מדריגות זענען זיי אפשר העכער פון יוסף. אבער נאכדעם וואס זיי האבן געזען, אז אפילו די עליונים, די שמש מיטן ירח, יעקב אבינו מיט די אמהות, אלע גייען זיך בייגען פאר יוסף, דאס איז דאך טייטש אז יוסף וועט זיין אין אזא מדריגה וואס ער וועט זיין א מלך נישט נאר בתחתונים, נאר בעליונים אויך, דא איז שוין דא קנאה אויך.

**און** עס איז געווען א ערליכע קנאה, אזוי ווי מען געפונט ביי רחל, ותקנא רחל באחותה (בראשית ל-א). רחל האט נישט געהאט קיין קינדער, און די שוועסטער האט יא געהאט קינדער, און זי האט איר מקנא געווען. און רש"י זאגט, אז זי האט איר נישט מקנא געווען אויף די קינדער, נאר זי האט מקנא געווען לאה אז זי איז ערליך, און וועגן דעם האט זי זוכה געווען צו קינדער (ב"ר עא-ו). און אויף ערליכקייט מעג מען מקנא זיין, פארוואס איז יענער צוגעקומען צו אזא מדריגה, איך וויל אויך קומען צו די מדריגה וואס יענער איז צוגעקומען, איך וויל אויך זיין אזוי ווי איר, פארוואס האב איך נישט די זעלבע מעלות און די זעלבע מדריגות וואס לאה האט, דאס איז געווען די קנאה פון רחל. קנאת סופרים תרבה חכמה (בבא בתרא כא.), ווען יענער שטייגט, ווען יענער איז העכער פון אים אין תורה, דארף מען האבן קנאה דערצו. נישט א קנאה פון נישט פארגינען פאר יענעם, נאר קנאה איז דער טייטש, איך וויל אויך שטרעבן צוצוקומען צו די מדריגה. דא איז געווען ויקנאו בו אחיו, זיי האבן מקנא געווען די מדריגה צו וואס יוסף איז צוגעקומען.

*

**שטעלט** זיך די שאלה ווי אזוי איז טאקע יוסף צוגעקומען צו אזא מדריגה. וואס איז געווען דער יוסף, אז ער איז צוגעקומען צו אזא

מדריגה, אז ער איז געווען א מלך בעליונים ובתחתונים. און יעדער דארף זיך בייגען פאר יוסף, אפלו יעקב אבינו, איז טייטש אז עס איז געווען עפעס א מדריגה אין יוסף, וואס ער איז געווען העכער פון אלע.

**מען** ווייסט אז יוסף האט טאקע געהאט א מדריגה וואס איז געווען העכער פון אלע. ווייל די שבעה רועים האט יעדער א אנדערע מדה, און די מדה פון יוסף איז קדושה. און צו די קדושת הברית וואס יוסף האט געהאט, צו זיין דערהויבנקייט, איז קיינער פון די שבטי י-ה נישט צוגעקומען. מען האט געקענט האבען אנדערע מדריגות, אברהם האט געהאט זיין מדריגה, יצחק האט געהאט זיין מדריגה, און יעקב האט געהאט מדריגות וואס יוסף האט נישט געהאט, אבער פון די שבטי י-ה איז קיינער נישט צווישן די שבעה רועים, אויסער יוסף. דאס איז טייטש אז נאך אברהם יצחק יעקב איז יוסף פון די שבעה רועים. און די קדושת הברית וואס יוסף האט געהאט, דאס האט אים אויפגעהויבן אז ער איז געווען העכער פון אנדערע. אזוי ברענגט מען צו פונעם **זוהר הק'** (תיקוני זוהר תיקון סט) מאן דנטר ברית זוכה למלכות. מלכות דאס האט צו טון מיט קדושת הברית. ווער עס איז זוכה צו קדושת הברית, דער איז זוכה צו מלכות. און יוסף וואס איז צוגעקומען צו די מדריגה, זכה למלכות, ווייל ער איז געווען א נוטר ברית. ער איז געווען ערליך אין די אלע נסיונות וואס ער האט געהאט אזויפיל יארן אין מצרים, און ער איז קיינמאל נישט אדורכגעפאלען, כאטש ער איז געווען אליין, און ער האט נישט געהאט פון וועם זיך צו שעמען, ער האט נישט געדארפט פאר קיינעם אפגעבן דין וחשבון אויף זיין לעבן, פון דעסטוועגן דאך איז יוסף געווען העכער, משכמו ולמעלה גבוה מכל עם. סיי ווען ער איז געווען בשפלות אלץ א עבד, און סיי שפעטער ווען ער האט שוין געהאט גאנץ מצרים אונטער זיין האנט, ער איז געווען משנה למלך, איז נישט געטוישט געווארן די קדושה פון יוסף, אין אלע זיינע זמנים וואס ער איז געווען.

**ווען** די שבטים האבן געזעהן די צוויי חלומות, וואס די חלומות ווייזען אז ער וועט טאקע זיין ברום המעלה. נישט נאר ער וועט זיין א מלך בתחתונים, ותשתחוין לאלמתי, אז די גופים וועלן זיך בייגען, נאר עס וועט זיין די שמש וירח מיט די אחד עשר כוכבים, סיי כפשוטו, דער שמש מיט די ירח ואחד עשר כוכבים עליונים, און סיי ווי דער רמז ווייזט דערויף, אז יעקב וועט זיך אויך דארפן בייגען פאר יוסף, האבן זיי דאך געזעהן די געוואלדיגע קדושה וואס יוסף האט. און דאס נעמט זיך פון דעם ווייל ער איז געווען א נוטר ברית, דורך דעם איז ער צוגעקומען צו די מדריגה, האבן זיי מקנא געווען די מדריגה פון יוסף. זיי האבן נישט מקנא געווען אז ער וועט זיין א מלך, נאר וואס עס האט אים צוגעברענגט צו זיין א מלך, אז ער איז אין די מדריגה אז ער האט געקענט צוקומען צו אזא קדושה.

**און** דאס איז געווען די אהבה פארוואס יעקב האט ליב געהאט יוסף מער פון די ברודער, ווייל ער האט משיג געווען די טיפע קדושה וואס ליגט אין יוסף, אז ער שטייגט איבער אלע אנדערע ברודערס. דער פסוק זאגט, ויראו אחיו כי אותו אהב אביהם מכל אחיו, יעקב האט ליב געהאט יוסף מער פון אלע זיינע קינדער. 'ויראו אחיו', די ברודערס האבן געזעהן, כי 'אותו' אהב אביהם מכל אחיו, זיין 'אות' דאס האט דער פאטער מער ליב פון די אנדערע קינדער. - מילה איז דאך ניתנה לשמיני. זאגט דער פסוק, ויקנאו 'בו' אחיו, 'בו' איז אכט. ויקנאו בו אחיו, די קנאה וואס זיי האבן געהאט איז געווען 'בו', די קדושת המילה וואס איז ניתנה לשמיני.

**און** דאס איז דער תכלית פון ברית מילה, עס איז נישט נאר על בריתך שחתמת בבשרנו, וואס מען איז מקיים די מצוה בשעת א קינד איז אין דעם אכטן טאג, נאר עס איז א קדושה וואס מען לייגט אריין אין א קינד, ער זאל קענען מיט דעם לעבן דאס גאנצע לעבן. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג), זו מילה (גיטין נז.), שטייט אין הייליגע ספרים, כדי א יוד זאל זיך קענען הרג'נען יעדן טאג פארן אייבערשטען, קענען

האבן מסירת נפש שטענדיג דעם גאנצן טאג, וואו ער גייט און וואו ער שטייט, זאל ער זיך קענען פירן ערליך, זו מילה, דאס איז די קדושת המילה וואס מען לייגט אריין אין א קינד, אז ער זאל האבן א כח אויף שפעטער, אז מען זאל זיך קענען פירן בקדושה.

**מיין** איידעם זאל זיין געזונט האט מכניס געווען דאס קינד, מיין אייניקל, בבריתו של אברהם אבינו. יעדער טאטע און יעדער זיידע איז מתפלל און בעהט פונעם אייבערשטען אז מען זאל זעהן נחת ביי די קינדער. די שלשלת הזהב זאל זיך ווייטער ציען, לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך. ער האט א נאמען געגעבן מיכאל בער נאכן זיידען זצ"ל, וואס יעדער ווייסט זיין געוואלדיגע דערהויבנקייט. די וועלט ווייסט זיין גאונות, אבער זיין צדקות, זיין קדושה, און זיין פרישות, איז געווען אויך אין א גאר הויכע מדריגה. זאל דער אייבערשטער געבן, ער זאל גראטן אינעם נאמען, מיט לאנגע געזונטע יארן, קענען מגדל זיין דאס קינד און אלע קינדער, לתורה ולחופה ולמעשים טובים. א בעל שמחה האט דאך א כח צו וואונטשען, דער אייבערשטער זאל געבן ביי ענק אויך, אז מען זאל זעהן שמחות און נחת ביי ענקערע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, מיט שפע ברכה און הצלחה פרנסה בהרחבה, מתוך שמחה וטוב לבב, זאלן מיר זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.